# א באגעגעניש אין די הויכע פענסטער

באשרייבונג איבער
הרב שלום רובין
און זיין ראל אלס
רעגירונגס אויפזעהער
איבער כשרות

ווען שרייבער און אינטערוויוער וואלטן געהאט א רעכט אליין צו שאפן און פארפאסן מאמרי חז״ל, וואלטן מיר שוין לאנג געהאט באגעגנט ערגעץ־וואו געשריבן א ״מאמר החכם״ וואס וואלט זיך געלייענט: כשם שאין פרצופיהם שוות כך אין ׳אינטערוויו׳אותיהם שוות...

ווייל ווי אנדערש איז איין באגעגעניש פון דער צווייטער און ווי ווייט זיינען, איינער פון דער אנדערער, די איינדרוקן וואס עס לאזן איבער אויפן מיט־שמועסער די פארשידענע ערליי אינטערוויו־געבער.

מיר זאגן עס לגבי דער באגעגעניש וואס מיר האבן לעצטענס געהאט מיט הרב שלום רובין, וועמענס אפיציעלער אמט־טיטול איז ״דירעקטאר אוו כשר לאו אינפארסמענט״. אין זיין אפיס וואס געפינט זיך אויפ׳ן 50סטן שטאק פונעם ״וואורלד טרעיד סענטער״ נומער 2.

אמת, תחילת האבן מיר אביסל געצווייפלט אין דער וויכטיגקייט, און נוצליכקייט פון אזא ״כשר״ער דעפארטמענט, ווייל וואס איז דען פארהאן כשר׳ער ווי כשר, און צו וואס דארף מען נאך א באוואכער איבער די הכשרים געבער, וועלכע זיינען אליין רבנים און דיינים?

אבער זיצענדיק אינעם ביורא, וועמענס ״הויכע פענסטער״ ביים ברעג ים קוקען ארויס צום ״סטעטשו אוו ליבערטי״, און אויסהערענדיג וואס עס האט צו פארציילן דער הויפט פאראנטווארטליכער איבער די ענינים, איז אונז קלאר געווארן אז נישט נאר וואס דער דעפארטמענט איז א ״מוז״, נאר עס איז פשוט א וואונדער וואס מענטשן זיינען אזוי נישט באהאוועוונט מיט זיינע פעולות פון וועלכן יעדער איינציגער געניסט טאג טעגליך.

הרב רובין, א חשוב׳ע רבנישע פערזענליכקייט, וועלכער שטאמט פון גרויס רבי׳שן יחוס, איז געקומען קיין אמעריקא אין יאר 1933, וואו ער איז אריין לערנען אין ישיבת ר׳ חיים בערלין, און געווארן א תלמיד מובהק פון דעם גאון און ראש הישיבה הרב הוטנר זצ״ל. אין יאר 1951 איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב פון דער גרויסער יאנג איזראעל שול אין פעלהעם פארקוועי אין די בראנקס, וואס האט א מיטגלידערשאפט פון



הרב שלום רובין

טרפה אנשיקעניש איז באדייטענד פארקלענערט געווארן.

עס זענען פארלאפן א סך יאר, און, ווי געוויינליך, איז די זאך אנגעגאנגען כסדר, אבער מען האט זיך נישט ״איבער געארבעט״, אזוי אז ביים איבערנעמען דעם פאסטן אין יאר 1977, האט הרב רובין געטראפן פארצייכנט ״אפיציעלע קעיסעס״ אין צאל פון 3058, וואס זיינען

לאזט מען זיי קוקן וואו זיי ווילן, מיינענדיג אז זיי פארשטייען דאך סייווי נישט וואס זיי זעהן.

— גיט אונז א שטיקל בילד וויאזוי איר טוט אייער ארבעט — האבן מיר זיך געוואנדן צו זיי.

— פון צייט צו צייט — האט איינער אנגעהויבן צו דערציילן — לאזן מיר זיך ארויס אין וועג, אמאל מיט א קאר, א מאל מיט אנדערע טראנספארטאציע מיטלען. מיר שלאפן אין

פארשטעלן פון צייט צו צייט וכו׳) און וואס האבן מיר אויסגעפונען? מען האט געמאכט דעם גאנצן ״דזשאב״ ערגעץ־וואו אויף א ״טראק״, וואו מען האט, אנשטאט שחט׳ן, אבגעהאקט דעם קאפ, ארויף געלייגט די ״פלאמבערס״ פון א געוויסן ארטאדאקסישן רב (מיט זיין וויסן!) און דער עולם האט געקויפט. און דא רעדט זיך — האט ער פארגעזעצט — פון אן עולם שומרי שבת, מניחי תפלין, וואס דאווענען דריי מאל א טאג און זענען מהדר אויף כשרות! מיר האבן פארפירט א ״קעיס״ געגן זיי, און עס איז אונז ב״ה געלונגען זיי גענצליך אונטער צו ברענגען.

אדער די מעשה אין בארא פארק — האט ער זיך ווי נישט געקענט צוריקהאלטן — וואו עס איז א לענגערע צייט געשטאנען א ״סטענד״ אויף דער דרייצענטער עוועניו וואס האט פארקויפט פלייש־פראדוקטן, און געווען ארום געהאנגען מיט השגחה ״סיינס״ פון דעם שענסטן און בעסטן פון בארא פארקער רבנים, און צו געפעלן דעם עולם האט ער אויך געהאט ״שהכל״ און ״בורא נפשות״ פלאקאטן. און נאך קלארער אונטערזוכונג האבן מיר אנטפלעקט אז די פראדוקטן זיינען טרפה גמורה, און די ״סיינס״ זענען גאר געגנב׳ט...

דא האט שוין הרב רובין אליין גענומען דאס ווארט, און געזאגט:

אז מיר רעדן שוין פון ספעציפישע פעלער, וואלט איך געוואלט דערמאנען איין הויפט אויפטו. אויף וועלכן מיר ארבעטן שוין עטליכע יאר. און וואס דער גאנצער ״דעפארטמענט״ איז ווערט געווען צו גרינדן נאר פאר דעם אליין, און ביי וועלכן אט די צוויי אידן האבן געשפילט די הויפט ראלע. דאס איז דער פאל מיט דער ״קעיגען ענד קא.״ שחיטה, פון וועלכן מען האט אנגעהויבן אין דער לעצטער צייט צו קויפן מער און מער. מיר האבן, אין צוגאב צו אונזערע אינספעקטארן (אגב, 7 אזעלכע ארבעטן כסדר) צו באקומען 5 אגענטן פון דער עף. בי. איי. און נאך יארן ארבעט האבן מיר פעסטגעשטעלט אז זיי האבן מאכיל געווען נבלות וטרפות, און מיר האבן זיי געצוואונגען אויפצולעזן דאס געשעפט. עס איז זיך נישט משער צו זיין — האט הרב רובין געזאגט — די גרויסקייט פון אזא דערגרייכונג

